בס"ד

נשא תשפ"א

גליון 43

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זאָלְט איר מודִיעַ זַיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי וָואךְ פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אַשְׁרֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַזַא הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע תּוֹרָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גוּט גֶעדֶענְקֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג דֶער הֵיילִיגֶער מַעֲמַד, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה וָוארְנְט אוּנְז אָן: " רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב (דְּבָרִים ד, ט).

דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה צוּ גֶעדֶענְקֶען יֶעדְן טָאג דֶער מַעֲמַד הַר סִינָי, אוּן דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ גָאר שְׁטַארְק צוּ פְרֵייעֶן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן גֶעגֶעבְּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי מֶען מַאכְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרָכָה בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. מֶען דַארְף טַאקֶע מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן מ"ז סְעִיף קָטָן ב'.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי מִשְׁכָּן אוּן אִיר גֶעזַאלְבְּט אוּן גֶעהֵיילִיגְט.



וָואס הָאבְּן גֶעטוּן דִי צְוֶועלֶעף נְשִׂיאִים? זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט וִויאַזוֹי קֶענֶען מִיר אַרוֹיסבְּרֶענְגֶען אוּנְזֶער גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ וִוי מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער מִשְׁכָּן, מִיט וָואס קֶענֶען מִיר מַאכְן א נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג? בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ בְּרֶענְגֶען קָרְבָּנוֹת, אָבֶּער אַזֶעלְכֶע קָרְבָּנוֹת וָואס גֶעוֶוענְדְלִיךְ בְּרֶענְגְט מֶען דָאס נִישְׁט פַאר אַ קָרְבָּן נְדָבָה, וִוי לְמָשָׁל קְטֹרֶת, אַ קָרְבָּן חַטָּאת. אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט כְּלֵי שָׁרֵת, וֶועגֶענֶער, שִׁיסְלֶען, לֶעפְלֶעךְ, בֶּעקְן א.אוו.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי דִי אַלֶע זַאכְן, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קַח מֵאִתָּם וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד... (בַּמִּדְבָּר ז, ה).

דָאס אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ וִויאַזוֹי הָאבְּן אַלֶע נְשִׂיאִים אוֹיפְאֵיינְמָאל גֶעטְרַאכְט צוּ בְּרֶענְגֶען דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן וִוי לְמָשָׁל עֶגְלַת בָּקָר - אַ וָואגְן וָואס אוֹיף דֶעם זָאל מֶען אָנְלָאדֶענֶען דִי מִשְׁכָּן? דֶער מִדְרָשׁ רַבָּה (שִׁיר הַשִּׁירִים פֶּרֶק ו' י') פְרֶעגְט טַאקֶע דִי שְׁאֵלָה, אוֹיפְן פָּסוּק "יָפָה אַתְּ כְּתִרְצָה", כְּתִרְצָה אִיז נוֹטָרִיקוֹן = כְּשֶׁאַתְּ רוֹצֶה - וֶוען דוּ ווִילְסְט!

זָאגְט דֶער מִדְרַשׁ: וֶוען **דוּ** ווִילְסְט בֶּאֱמֶת דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: "לֵייג צוּ הַארְץ צוּ יֶעדֶע וָוארְט וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן פוּן מִדְרָשׁ וִוי שְׁטַארְק עֶס וֶוערְט דָארְט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעְלָה פוּן אַ הֵיילִיגֶע רָצוֹן פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, אוּן אוֹיבּ יֶעדֶער אִיד וֶועט אַזוֹי בֶּענְקֶען אוּן דָארְשְׁטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַרוֹיסְצוּזָאגְן זַיינֶע כִּסוּפִין מִיטְן מוֹיל, **וֶועט אִים דֶער רָצוֹן אַלֵיין מוֹדִיעַ זַיין וָואס צוּ טוּן!** וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט טַאקֶע אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה נ"א) וֶוער קֶען טַאקֶע דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס גְרוֹיסְקֵייט, קֶען דֶען אֵיינֶער זָאגְן אָדֶער זִיךְ בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ מַלְאַךְ אָדֶער א שָׂרַף קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען רִיכְטִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאר וָואס דֶען? דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיד זָאל הָאבְּן רְצוֹנוֹת

המשך אויף זייט 4

# דער הייליגער רבי



**אַ גְרוֹיסֶע וָואגְן** הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַ גְרוּפֶּע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, אוּן פּוֹעֶלְן אַ יְשׁוּעָה, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן, אַז עֶס פְלֶעגְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַ קְבוּצָה אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה אִין אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ אוּן אַרוּם פָארְן צוּ אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יֶענֶע צַייט צוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה.

אוֹיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַזַא חַבוּרָה אִידְן. דֶעם רֶבִּי'נְ'ס נָאמֶען אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְטְ'ס אַבִּיסְל בַּאווּאוּסְט גֶעוֶוען, חוּץ פוּן דִי תַלְמִידִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן, זִיךְ אָנְוִוינְטְשְׁן מִיט בְּרָכוֹת פַאר רְפוּאוֹת אָדֶער פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס הָאט זֵיי גֶעפֶעלְט.

אַ עֶרְלִיכֶער תַלְמִיד אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בִּתְמִימוּת אַזוֹיוִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, אָבֶער אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ הָאט אִים גֶעוֵוייטָאגְט אִין הַארְצְן, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן פוּן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער. עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצִין פְלֶעגְן אַסַאךְ בֶּעטְן רַחֲמִים בַּיים בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל זֵיי שׁוֹין הֶעלְפְן, אָבֶער דִי יְשׁוּעָה אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, וֶוען דֶער תַלְמִיד הָאט גֶעזֶעהְן דִי גְרוּפֶּע אִינְגֶעלַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ אוֹיךְ צוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער, זֵיי קוּמֶען פוּן אַזוֹי וַוייט צוּ פָארְן, אוּן אִיךְ בִּין דָא נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיךְ פַאר מִיר?!

עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיךְ פַאר זִיךְ, אוֹיף וואוילֶע קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע רַעשׁ וָואס מֶען טוּט אַרוּם דֶעם? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֵייט: "עִיקָר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִיקִים תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים," דָאס אִיז דֶער עִיקָר! דֶערְפַאר אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּן מִיר אוֹיף דַיין אִידִישְׁקֵייט, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין דִי גְלַייכֶע וֶועג, אַוַודְאַי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיבּ מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער בְּגַשְׁמִיּוּת, דָאס אִיז אַוַודְאַי גוּט, אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז צוּלֵייגְן דָאס הַארְץ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס זֶענֶען דִי עִיקָר קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג."

דֶער תַלְמִיד הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי וֶועג פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע תַלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועגְן קִינְדֶער.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער, אִיז דֶער תַלְמִיד וִוידֶער גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס אִיז נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, צוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, דֶער תַלְמִיד כָאטְשׁ זַיין וֵוייטָאג, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּין וֶועגְן דֶעם. אָבֶער דֶעמָאלְטְ'ס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם תַלְמִיד אוּן גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן קִינְדֶער!" ד.מ. כָאטְשׁ דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אִיז אָבֶער אוֹיךְ גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן קִינְדֶער דוֹרוֹת יְשָׁרִים מְבֹרָכִים, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: גֵיי בְּרֶענְג מִיר הוּנְדֶערְט רוּבָּל סוּג - אַ גֶעוִויסֶע מַטְבֵּעַ - . דֶער תַלְמִיד אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן דָאס גַאנְצֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן אִיז טַאקֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן אִין וֵוינִיגֶער וִוי אַ יָאר מִיט אַ לִיכְטִיגֶער קִינְד, דוּרְךְ דִי בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶען קֶען זִיךְ אַסַאךְ מִתְעוֹרֵר זַיין פוּן דִי מַעֲשֶׂה, נָאךְ אַלֶע גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אַרִיבֶּער, וֶוען עֶס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

גִיבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן אַנְדֶער בְּלִיק, עִיקָר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דִי תּוֹרָה וָואס דִי קְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אוּן דִי מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס בְּלַייבְּט, אוּן גֵייט מִיט, מִיט זֵיי אוֹיף יֶעצְט.

אוּן פַאר אוּנְז קִינְדֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן צוּ נֶעמֶען אִין גֶעדַאנְק, צוּ דַאוֶוענֶען שֵׁיין, זָאגְן בְּרָכוֹת מִיט כַּוָּונָה, לֶערְנֶען חֻמָּשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן תְּהִלִּים, הֶעלְפְן אַ צְוֵייטְן, מְוַותֵּר זַיין.. א.א.וו. יֶעצְט קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט: " דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס וֶועט אוּנְז בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, לָנֶצַח נְצָחִים."

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן רנג)

יָא דָוִד'ל. סְאִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה אָדֶער מָאדְנֶע צוּ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶע אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן לֵיידֶער אֲפִילוּ קִינְדֶער אִין דִי וִויגֶעלֶעך רֶעדְן אַפִּיקוֹרְסוּת" אוּן אוֹיבּ עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אִין הַיינְטִיגְן דוֹר קִינְדֶער וָואס רֶעדְן נָאךְ אֱמוּנָה, אוּן וֵוייסְן וָואס אִיז אוּנְזֶער עֵצָה אִין יֶעדְן מַצָּב אִיז עֶס אַ שְׁטָאלְץ!

לָאמִיר יֶעצְט גֵיין צוּ דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע. דָוִד'ל פַארְצֵיילְט: "פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס הָאבּ אִיךְ מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּט. אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גֶעפֶערְלִיכֶע יִסּוּרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ נָאר אֵיין זַאךְ, דַאוֶוענֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטוּהְן. אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַוֶועקְנֶעמֶען מַיינֶע יִסּוּרִים. אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵיי אִיךְ אוֹיף אוּן גָארְנִישְׁט... אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֵוייטָאג. אַלֶע יִסּוּרִים זֶענֶען פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן וִוי אִין וַואסֶער אַרַיין. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ נִישְׁט נָאר אַז עֶס טוּט מִיר שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֵויי נָאר דֶער עִיקָר אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי נָאנְט צוּ מַיין זִיסֶער טַאטֶע וָואס הֶערְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיס אַלֶע מַיינֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן!"

דָוִד'ל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי בִּיסְט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן אַסַאךְ מֶער כֹּחַ צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן פַאר נָאךְ זַאכְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט נָאר וֶוען דוּ וֶוערְסְט צוּקְלַאפְּט, דוּ וֵוייסְט שׁוֹין יֶעצְט דַיין כֹּחַ הַתְּפִלָּה קֶענְסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ בֶּעטְן נָאךְ תְּפִלּוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ פַארְצֵיילְן דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע אֲפִילוּ דוּ הָאסְט זִיךְ אַבִּיסְל גֶעשֶׁעמְט וֶועלְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוֹיךְ הָאבְּן אַ חִזּוּק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן כֹּחַ הַתְּפִלָּה.

שְׁטַארְק דִיךְ!

**גֶעוויינְעֶר פוּן דִי וואך**

א מעשה ביים שבת טיש, נחמן וויצהנדלר, בית שמש

סיפורי מעשיות, שמעון דייטש, בית שמש

סיפורי מעשיות , יהודא גולדוועי', ירושלים




# לגמור זיך פאר הערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די ערשטע מעשה (1)
## פון די פארלוירענע בת מלך

**א. ווען האט דער רבי דערציילט די מעשה פון די פארלוירענע בת מלך?** (חיי מוהר"ן נ"ט - ימי מוהרנ"ת י"א)
- ❑ זומער תקס"ה
- ❑ זומער תקס"ו
- ❑ ווינטער תקס"ו

**ב. וואס האט דער רבי געזאגט פאר'ן דערציילן די מעשה?**
- ❑ אויפ'ן וועג האב איך דערציילט א מעשה
- ❑ ווער עס האט זי געהערט האט געהאט א הרהור תשובה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וויפיל זוהן און וויפיל טעכטער האט דער מלך געהאט?**
- ❑ זעקס זוהן און איין טאכטער
- ❑ זעקס טעכטער און איין זוהן
- ❑ דריי זוהן און דריי טעכטער

**ד. וואס איז די ווארט וואס האט זיך ארויס געכאפט פון מלך?**
- ❑ אז דער גוטער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער באשעפער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער נישט גוטער זאל דיר נעמען

**ה. ווער איז געגאנגען זוכן די בת מלך?**
- ❑ דער זוהן פון מלך
- ❑ דער שני למלכות
- ❑ די משרתים פון מלך

**ו. האט ער זי געפונען?**
- ❑ ניין
- ❑ יא, גלייך
- ❑ יא, נאכן זוכן זייער א לאנגע צייט

**ז. וויאזוי איז געווען די שלאס (פאלאץ) וואס ער האט געזעהן?**
- ❑ זייער שיין
- ❑ די מיליטער זענען ארום געשטאנען זייער פיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. האט דער שני למלכות געגעסן פון די עסן פון שלאס (פאלאץ)?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר געטרונקען

**ט. וואס האט זי געזאגט אויף די פאלאץ?**
- ❑ אז ס'איז א גוטע פלאץ
- ❑ אז דא איז די פלאץ וואס איז נישט גוט
- ❑ זי האט גארנישט געזאגט

**י. וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן כדי איר צו ארויסנעמען?**
- ❑ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א וואך און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען
- ❑ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א חודש און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען
- ❑ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א יאר און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען

**יא. און וואס זאל ער טוהן דעם אונטערשטן (לעצטן) טאג?**
- ❑ פאסטן
- ❑ נישט שלאפן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**
- ❑ פארזוכט פון די וויין
- ❑ געגעסן פון די עפל
- ❑ געפאסט א גאנצן טאג

**יג. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**
- ❑ איין נאכט
- ❑ אפאר טעג
- ❑ זייער א לאנגע צייט - כמה שנים

**יד. וויאזוי האט ער זיך אויפגעוועקט?**
- ❑ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך גלייך אויפגעוועקט
- ❑ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך נישט אויפגעוועקט דערנאך האט ער זיך אויגעכאפט
- ❑ ער האט זיך גלייך אליין אויפגוועקט

**טו. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**
- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

**טז. פון וואס האט זיך דער משרת געשפייזט ווילאנג דער שני למלכות איז געשלאפן?**
- ❑ פון די פרוכט
- ❑ פון א קוואל וואסער
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. נאך וואס דער שני למלכות איז געשלאפן, וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן אין דעם אונטערשטען (לעצטן) טאג?**
- ❑ נישט שלאפן און נישט טרונקען וויין
- ❑ נישט שלאפן און נישט עסן
- ❑ נישט שלאפן

**און צום סוף האט ער זי ארויס גענומען - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
צו הערן דער
געווינער דריק נומער
4

צו מנדב זיין פאר דער
גליון
לכבוד א שמחה / לע"נ
ביטע זיך פארבינדן
אויפן טעלעפאן
058-323-3287

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

- אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן צוּ טוּן דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַיי אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ רָצוֹן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז אָבֶּער פַארְהַאן אַסַאךְ חִילוּקִים וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל, אֲפִילוּ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער אִיז דָא חִילוּקִים יֶעדְן שָׁעָה הָאט עֶר אַנְדֶערֶע רְצוֹנוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרוֹיסְזָאגְן אוּנְזֶער וִוילְן אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן מִיט אַ פוּלֶע מוֹיל, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז אוּן דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּיז דִי וֶועלְט וֶועט קוּמֶען צוּם תִּיקוּן בִּשְׁלֵמוּת בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

